בסייעתא דשמיא

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת וישלח, ט"ו כסליו תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון י"א

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......4:10
מוצאי שבת קודש......5:40

## א מעשה פון תפלה

### יוסף שניטצלער

איך האב געדארפט אריינפארן אין שטאט און איך האב געזעהן אז איך האב נישט קיין געלט צו אנפילן די קאר מיט געז און אזוי אויך פאר די טאל, איך האב געבעטן די אייבערשטער ער זאל מיר העלפן און די אייבערשטער האט געהאלפן אז א אינגערמאן איז צוגעקומען צו מיר און מיר געזאגט דא האסטו געלט פאר א געוויסע ענין, וואס איך האב מיך באמת נישט געראכטן אז ער גייט מיר געבן דעי געלט. שכח אייבערשטער!

### הילל ווייס

איך פרוביר צו אנצינדן די הייס וואסער ביי מיר אינדערהיים אבער עס קומט נישט ארויס גארנישט, איך הייב אן צו שפעקעלירן וואס עס קען זיין - ווייל די קאלט וואסער ארבעט יא, ביז מען האט געכאפט אז עס איז לכאורה צוויי עקסטערע פייפס פאר קאלט און פאר הייס און נאר די הייס וואסער פייפ איז פארפרוירן געווארן, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל חס ושלום נישט פלאצן די פייפס און עס זאל ארבעטן ווי געהעריג, ביז דערווייל בין איך געגאנגען ברענגן א היטער צו אנווארעמען די פייפס און א גאנצע וועג האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל ארבעטן, אינמיטן אויפפיקן די היטער קלינגט מען מיך שוין פונדערהיים אז עס ארבעט שוין ברוך השם די הייס וואסער, שכח אייבערשטער!

## נייעס אין שטעטל

### הערליכע באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט"א

זונטאג אינדערפרי אין שטעטל האט מען געהאט די זכיה צו האבן א באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט"א ווי ער איז זיך געקומען אומקוקן אויפ'ן שטעטל און שעפן פרישע חיות פון די געשמאקן שטעטל בגשמיות און ברוחניות, מען האט זיך געשטעלט דאווענען א ווארימע דאווענען צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, דערנאך האט די ראש ישיבה פארגעלערנט א שיעור פאר די אינגעלייט ווי ער האט ארומגערעדט די גרויסע נס וואס מיר האבן אז מען האט מוסדות פאר אונזערע קינדער ווי זיי ווערן אויפגעצויגן מיט א ריינע אמונה און מיט א שטאלץ צו גיין אין דעם הייליג'ן רבינ'ס וועגן, וואס די מציאות שטעלט זיך ארויס אז דעי וואס האבן נישט געשיקט די קינדער אין רבינ'ס מוסדות האבן זיך די קינדער נאכדעם געשעמט מיט זייערע עלטערן.

כדי צו קענען אריינברענגן די זאך פון שפארן ביי חתונה מאכן מוז מען עס אריין לייגן אין די קינדער אז זיי זאלן אפלאכן פון טייערע שמחות און פון ספענדן איבעריג, וואס דאס איז אויך וואס די מוסדות לייגט אריין זייער שטארק.

יעדער אינגערמאן זאל פרובירן צו זעהן מיט וואס ער קען העלפן די מוסדות ווייל דאס איז די עיקר שבעיקרים אויף וואס מען דארף האלטן פאר די אויגן.

## מודעה

זמנים פון די שמחה ביי אונזער חשובע מנהל
מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א

שלום זכור שבת וישלח ............ אין שטוב פונעם מנהל
וואכנאכט מוצאי שבת וישלח ............ אין בית המדרש
ברית זונטאג וישב ............ אין בית המדרש
שחרית זונטאג וישב ............ 8:15 ברכות

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוהן מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר אונזער חשובע מנהל

**מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א וזוגתו תחי'**

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב.

ביי דעם געלעגנהייט ווילן מיר זיך אלע באדאנקן פאר'ן מנהל פאר'ן זיך אוועקגעבן פאר די עקזיסטענץ פונעם שטעטל, אנגעהויבן מיט אוועקגעבן די דירה פאר א בית המדרש און כולל, און אזוי אויך ווי ער גיבט זיך אוועק פאר די הצלחה פון די חדר און סקול. די אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט.

# בריוו פון דעם
# ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת פנחס, כ"ב תמוז, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין הערליכע בריוו.

איך בין זיך מחי' יעדעס מאל דו שרייבסט מיר; דו ביסט ממש א בור סיד שאינו מאבד טיפה, יעדעסווארט, יעדעס חיזוק וואס דו הערסט שרייבסטו אראפ אזוי שיין; מי יתן אז איינער זאל קומען און דאס שיין צוזאמנעמען און ארויס געבן וועלן נאך מענטשן זיך מחי' זיין און מחזק זיין.

בנוגע ארויס קומען וואוינען אינעם ברסלב'ן שטעטל וכו'; דאס איז תלוי אין דיר און אין דיין ווייב, ווי אזוי איר וועט מחליט זיין וועט זיין גוט. דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן רסט): "מַה צְּרִיכִין לְהִתְבַּלְבֵּל? אֵיךְ שֶׁעוֹשִׂין עוֹשִׂין וּבִלְבַד שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת רַע חַס וְשָׁלוֹם", מען דארף זיך נישט מבלבל זיין פון גארנישט, "ווי מען טוט טוט מען, אבי מען טוט נישט קיין שלעכטס חס ושלום"; איך ענטפער נישט פאר קיינעם פון די תלמידים צי מען זאל זיך ארויסציען אינעם שטעטל.

די בעסטע זאך פאר ענק אויב איר ווילט וויסן וואס צו טון; יא צו קומען וואוינען דא אדער בלייבן וואו איר וואוינט, - אז איר זאלט דאס אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן יעדן טאג ביז איר וועט באקומען א תשובה מן השמים. מאך זיך א תפילה פאר דיר און דיין ווייב און בעט דאס יעדן טאג: **"הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל וויסן וואו זאל איך וואוינען, זאל איך זיך ארויסצוען קיין קרית ברסלב אדער בלייבן וואו איך וואוין"**; שמועס אויס אלע חסרונות און מעלות פון די פלאץ וואו דו וואוינסט יעצט און אלע מעלות און חסרונות פון זיך אהין ציען, דורכדעם וועט דיר קלאר ווערן און קלאר ווערן פאר דיין ווייב וואס איר זאלט טון, און אזוי זאלט איר טון.

דאס טו איך ווען איך ווייס נישט וואס צו טון, איך גיי אויף א שפאציר און איך וויין זיך אויס צום אייבערשטן: **"אייבערשטער וואס טו איך? איך ווייס נישט וואס צו טון, יא צי ניין?"** ביז עס ווערט מיר קלאר וואס איך האב צו טון. אזוי טו איך - נישט איין מאל און נישט צוויי מאל נאר אן א שיעור מאל, ביז עס קומט אויס צו טון וואס דער אייבערשטער וויל.

איין זאך זאג איך דיר יא קלאר, אז אויב דו וועסט רעדן צו מיינע תלמידים - וואס איך האב זיי ארויסגענומען פון בלאטע און אפגעוואשן - ליצנות אויף מיר וכו', אויף דעם לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ; נישט אלץ מיר אויס, ווייל מיר גייט נישט אן וואס דו זאגסט אויף מיר; מה אני ומה חיי, איך בין גארנישט און איך דארף אסאך תשובה טון אויף מיינע חטאים, עוונות ופשעים; אבער אז דו וועסט רעדן צו מיינע תלמידים וואס זייער גאנצע אידישקייט איז תלוי אין די דיבורים וואס זיי הערן פון רבי'ן, אז דו וועסט חוזק מאכן פון מיר דירעקט אדער בעקיפין און פון די זאכן וואס מיר טוען - אויף דעם וועסטו באצאלן זייער א טייערע פרייז. זיי געזונט און שטארק.

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת ואתחנן, ט"ו מנחם-אב, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד מיינע טייערע תלמידים, משפחת ... שיחיו.

איך האב ערהאלטן די נדבה פאר די ישיבה, יישר כח.

איך האב זייער הנאה געהאט אז איר זענט געקומען זוממער אין קעמפ "מחנה תפארת התורה ברסלב, מאנטיסעלאו" - זיין צוזאמען מיט אנשי שלומינו, זיך מחזק זיין מיט די ליכטיגע עצות פון הייליגן רבי'ן.

איך הער אז איר הייבט אן בקרוב בויען אייער הויז אין שטעטל **קרית ברסלב**; דאס איז פאר מיר א גרויסע שמחה, איך פריי זיך צו האבן אזעלכע חשוב'ע משפחות ביי אונז אין קרי'. משפחות וואס צניעות איז ביי זיי א חשיבות, אן ארויפגעקוקטע זאך. דאס וועט העלפן אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער זאלן זיך האלטן ערליך און הייליג.

דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אויף די ניסים וואס ער טוט מיט ענק, וועט איר זוכה זיין צו נאך ניסים ונפלאות.



זומער
שנת תשע"ח
אין שטעטל

